**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/11/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און מעיאר פעטערסאן-האווערד אנאנסירן 6 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן וויכטיגע אפלויף וואסער פראיעקטן און לאנג-טערמיניגע פלאנירונג פאר מאונט ווערנאן סיטי**

***סערוויסעס אויסגעצאלט דורך גרענטס דורך ניו יארק סטעיט'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אדרעסירן מאונט ווערנאן'ס צעפאלענדע אפלויף וואסער סיסטעמען***

גאווערנער קעטי האקול און מעיאר שאן פעטערסאן האווערד האבן היינט אנאנסירט אז די מאונט ווערנאן סיטי קאונסיל האט באשטעטיגט 6 מיליאן דאלאר אין סטעיט אויסגעצאלטע קאנטראקטן וועלכע ערלויבן קריטישע ארבעט זיך פאראויסצורוקן מיטן אדרעסירן די סיטי'ס פארעלטערטע וואסער און אפלויף וואסער אינפראסטראקטור. די קאנטראקטן זענען צום ערשט באשטעטיגט געווארן אונטער די סטעיט'ס היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אדרעסירן די סיטי'ס לאנגיאריגע וואסער און אפלויף וואסער אינפראסטראקטור פראבלעמען און פארבינדענע פובליק געזונטהייט אנגעלעגנהייטן. די וויכטיגע דערגרייכונג ערמעגליכט די אנהויב פון וויכטיגע אפלויף וואסער פאררעכטונגען און לאנג-טערמיניגע פלאנירונג פאר צוקונפטיגע אפלויף וואסער פראיעקטן, און עס פארבינדט סיטי בעאמטע מיט טעכנישע, פארוואלטונג און פינאנציעלע קאנסאלטענטס צו העלפן ווייזן די וועג פאר די ארבעט.

"די היינטיגע אנאנס איז איבער שריט פאר מאונט ווערנאן. עס איז איבער מקיים זיין צוזאגן וואס זענען געמאכט געווארן אין אפריל ווען מיר האבן אנאנסירט די היסטארישע 150 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו אנהויבן צוריק אויפבויען די סיטי'ס צעפאלנדע וואסער און אפלויף וואסער סיסטעמען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך האב זיך אויסגעמשל'ט אזעלכע מאמענטן — זעהענדיג די ממשיות'דיגע רעזולטאטן פאר די סיטי און נעמנדיג א גרויסע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון זיכער מאכן אז מאונט ווערנאן איינוואוינער, ביזנעסער און באזיכער האבן צוטריט צו די פארלעסליכע וואסער און אפלויף וואסער אינפראסטראקטור סיסטעמען וואס עס קומט זיך זיי."

**מאונט ווערנאן מעיאר שאן פעטערסאן האווערד האט געזאגט,** "אלץ א מעיאר פון א קאמיוניטי וואס איז היסטאריש געווען באזייטיגט, שטייענדיג אויף די עק פון איינס פון די רייכסטע קאונטיס אינעם לאנד, בין איך באגייסטערט אז גאווערנער האקול האט אנגענומען סיי די געדאנק און סיי די פראקטישע אויספירונג פון יושר'דיגע ענווייראמענטאלע אינפראסטראקטור, זיך דערוווייטערנדיג פון די 'קאליר-בלינדע' געזונטהייט און ענווייראמענטאלע אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט. פאר צענדליגע יארן האבן שוואכערע אינפראסטראקטור און האוזינג געהאט א נעגאטיווע איינפלוס אויף די הצלחה ביים לערנען און די מעגליכקייטן צו פארדינען שיין דורכאויס די גאנצע לעבן אין מינאריטעט קאמיוניטיס, און מאונט ווערנאן איז נישט געווען קיין אויסנאם. די היסטארישע אינוועסטירונג פון די סטעיט וועט ערלויבן די סיטי צו פארזיכערן די הילף פון עקספערטן וואס איז נויטיג צו גיבן א שטופ פאראויס פאר אינפראסטראקטור פראיעקטן צוזאמען מיט אונזערע פובליק ארבעט שטאב, צו פארבעסערן די לאנג-טערמיניגע רייכטום און וואוילזיין פון אלע מאונט ווערנאן איינוואוינער."

די קאנטראקטן ווערן אויסגעצאלט דורך סטעיט גרענטס פון די NYS ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) אין צוזאמענארבעט מיט די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) און העלט דעפּארטמענט. די קאנטראקטן זענען פאר די פאלגנדע אקטיוויטעטן:

- 5 מיליאן דאלאר צו פלאנירן, דעזיינען און בויען וויכטיגע אפלויף וואסער פראיעקטן וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן צו זיין קריטיש וויכטיג אין די סיטי'ס פלאן צו אונטערנעמען שריט צו האנדלען מיט שמוץ וואס גייט אריין אין די אפלויף סיסטעם פון יוני 2022. די פלאן אידענטיפיצירט אלע זאכן וואס גייען אריין אין די שטורעם וואסער אפלויף סיסטעם וואס זענען נישט שטורעם וואסער, צום ביישפיל פון שמוץ וואסער וואס רינט אריין.
- $500,000 פאר אפלויף וואסער רייניגונג סערוויסעס און פאר קאמעראס צו גענוצט ווערן צו אונטערזוכן די אפלויף וואסער רערן צו ארויסהעלפן מיט די פלאנירונג פאר אינפראסטראקטור פראיעקטן. האבן קאמעראס אין די רערן וועלן ווייזן וואס געשעהט אונטערן ערד דורכן אידענטיפיצירן פארשטאפטע אדער געלעכערטע רערן אדער פאטענציאלע פראבלעמען אין די סיסטעם.
- $500,000 פאר פראפעסיאנאלע קאנסאלטענט סערוויסעס צו צושטעלן טרענירונג, טעכנישע, פארוואלטונג און פינאנציעלע אפשאצונגען, פינאנצירונג אפליקאציע הילף און טעכנישע הילף אויפן שטח.

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "די EFC איז שטאלץ צו העלפן פארווירקליכן גאווערנער האקול'ס צוזאג צו מעיאר פעטערסאן-האווערד און צו מאונט ווערנאן איינוואוינער דורכן צושטעלן די געלטער און רעסארסן וואס די סיטי דארף צו קענען אריינגראבן די שאוולען אין די ערד און אנהייבן די קריטישע ארבעט. גרענטס פון די EFC וועלן דירעקט שטיצן מאונט ווערנאן'ס איבערגעגעבענע און פלייסיגע פובליק ארבעט שטאב פאר וויכטיגע פראיעקטן וואס אדרעסירן אפלויף וואסער איבערפלוסן, און זיי וועלן האבן א באלדיגע השפעה פאר די פובליק געזונטהייט און די קוואליטעט פון לעבן פון די איינוואוינער. איך וויל אויסרוימען גאווערנער האקול, מעיאר פעטערסאן-האווערד און אונזערע שותפים אין די סטעיט און לאקאלע רעגירונג פארן זיך נעמען צו די ריינע וואסער פראבלעם מיט אנטשלאסנקייט און פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט."

**דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער בעזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "דער היסטארישער פראיעקט רוקט זיך פאראויס אונטער גאווערנער קעטי האקול'ס פירערשאפט צו אדרעסירן די וואסער אינפראסטראקטור קריזיס וואס האט געפלאגט די מענטשן פון מאונט ווערנאן פאר צו לאנג. מיט דעם פראיעקט אונטערוועגנס מאכן מיר פארשריט, און מיר קוקן ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזער סיטי, סטעיט אגענטור און קאמיוניטי שותפים צו ברענגען לעבנ'ס טוישנדע רעזולטאטן פאר מאונט ווערנאן איינוואוינער."

**סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער מערי ט. באסעט האט געזאגט,** "גאווערנער האקול אנערקענט אז צו פארבעסערן די פובליק'ס געזונטהייט פעהלט זיך אויך אויס צו מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו פארזיכערן א ריינע ענווייראמענט. די פארבעסערונגען צו די סיטי'ס שמוציגע וואסער אפלויף סיסטעם וועלן העלפן באשיצן די געזונטהייט פון די איינוואוינער פון מאונט ווערנאן."

**עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון די גאווערנער'ס אפיס פאר שטורעם ערהוילונג (Governor's Office of Storm Recovery, GOSR), קעיטי ברענען, האט געזאגט,** "די GOSR איז שטאלץ צו פארזעצן

צו ארבעטן אויף די היסטארישע שותפות וואס וועט שאפן שטאנדהאפטיגע היימער און קאמיוניטיס אין גאנץ מאונט ווערנאן. דאס איז א קריטיש-וויכטיגע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון יושר'דיגע און זיכערע וואסער אינפראסטראקטור פאר איינוואוינער."

**סענאטאר טשאק שוּמער האט געזאגט,** "פאר צו לאנג האבן צופיל מאונט ווערנאן איינוואוינער געדארפט לעבן אין שרעק פון שעדליכע שמוץ וואסער פארפלייצנדיג זייערע היימער, פארפעסטיגדיג זייער וואסער און לייגן א לאסט אויף די לאקאלע שטייער-צאלנדע בירגער. איך האב געשאפן היסטארישע ריינע וואסער פינאנצירונג און דעם בייפארטיזאנער אינפראסטרוקטור און דזשאָבס געזעץ אויף צו זען אז פראיעקטן ווי מאונט ווערנאן ווערן ענדליך איינגעפירט, און איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר איר שטארקע אנטשלאסנקייט צו ענדיגן דעם סוּער קריזיס. איך וועל ווייטער קעמפן ציין און נעגל צו פארזיכערן אז מאונט ווערנאן האט אלע פעדעראלע שטיצע וואס פעהלט זיך נאר אויס צו זיכער מאכן אז די סיטי האט די אפלויף וואסער סיסטעם וואס זיי האבן שוין אזוי לאנג געוואלט האבן און וואס עס קומט זיך זיי."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** "פאררעכטן און איבערמאכן די אפלויף וואסער סיסטעם אין מאונט ווערנאן פארלאנגט א פולקאמע אנטווארט פון די רעגירונג. איך בין פרייליך צו זעהן נאך געלטער אנקומענדיג פאר די סיטי'ס צעפאלנדע אפלויף וואסער סיסטעם — די געלטער און אנדערע געלטער וועלכע זענען פארזיכערט געווארן פון די סטעיט און קאונטי קומען אין צוגאב צו די 1.5 מיליאן דאלאר וואס איך האב מצליח געווען צו פארזיכערן אין די פארטיילונגען פראצעדור פון פיסקאלע יאר 2022 פאר די מאונט ווערנאן אפלויף וואסער אויפריייניגונג פראיעקט. צוזאמען קענען מיר איבעראַרבעטן די אפלויף וואסער סיסטעם און פארזיכערן אז די שכנים אין מאונט ווערנאן האבן צוטריט צו א ריינע און געזונטע אפלויף וואסער סיסטעם."

**אסעמבלי מיטגליד דזש. גערי פרעטלאָו האט געזאגט,** "די געלטער וועלכע וועלן געגעבן ווערן פאר דרינגנדע אפלויף וואסער פראיעקטן פאר מאונט ווערנאן סיטי זענען גאר נויטיג און פעהלן אויס צו פאררעכטן אונזער צעפאלנדע אפלויף וואסער סיסטעם.  די ברייטע שאדנס צו אונזער אפלויף וואסער סיסטעם האבן געמאכט אז פילע היימער אין אונזער קאמיוניטי זאלן ליידן פון די נאכווייען פון אפלויף וואסער וואס רינט אריין אין זייער פראפערטי, און איך בין גאר באגייסטערט צו וויסן אז ערלייכטערונג איז אויפן וועג פאר אונזערע שווער-ארבעטנדע היים אייגנטימער."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "די אונטערשטע שורה איז אז די מענטשן פון מאונט ווערנאן דארפן פארשריט צו לייזן די לאנגיאריגע סיטואציע וואס איז נישט צום אויסהאלטן. א דאנק גאווערנער האקול איז די פארשריט שוין אונטערוועגנס. איינס פון די רעגירונג'ס פונדאמענטאלע פליכטן איז צו צושטעלן א ריינע אטמאספערע וואו צו לעבן, און די שותפות מיט די סטעיט, סיטי און קאונטי ערמעגליכט געווי דאס. אונזער קאונטי DEF ארבעט פון די נאענט מיט די מאונט ווערנאן DPW אויף די ענדזשענירונג צו פארשנעלערן א קריטישע טייל פון דעם פראיעקט."

גאווערנער האקול, מעיאר פּעטערסאן-האווערד און וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האבן אנאנסירט אין אפריל די 150 מיליאן דאלאר אין וואסער און אפלויף וואסער אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען אין מאונט ווערנאן. נאך [3 מיליאן דאלאר] אין פעדעראלע געלטער זענען צוגעטיילט געווארן צו ארויסהעלפן מאונט ווערנאן איינוואוינער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די אפלויף וואסער און וואסער אינפראסטראקטור קריזיס אין די סיטי דורך די גאווערנער'ס אפיס פאר שטורעם ערהוילונג'ס [געזונטע היימער (Healthy Homes) פראבע פראגראם] וואס איז אנאנסירט געווארן אין יולי. די אונטערנעמונג וואס ווערט אנגעפירט דורך די GOSR און איז געציהלט פאר די פראפערטיס וועלכע זענען די מערסטע אפט באטראפן געווארן און זענען די מערסטע אויסגעשטעלט וועט פארקלענערן ענווייראמענטאלע סכנות'דיגע אומשטענדן און מאכן שטאנדהאפטיגקייט

פארבעסערונגען צו פריוואטע פראפערטיס. אנטיילנעמנדע היימער וועלן קענען זיין בארעכטיגט פאר פארערכטונגען צו אפלויף וואסער שאדן, אינסטאלאציע פון מאסנאמען צו פארמיידן פון אפלויף וואסער צו צוריקפליסן, פארמינערן אינפילטרירונג פון בליי אין היימער און אנדערע נויטיגע ענווייראמענטאלע רייניגונג. אינטערסירטע איינוואוינער קענען גיין צו stormrecovery.ny.gov/mountvernon צו לערנען מער.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמערpress.office@exec.ny.gov |518.474.8418 |

זיך ארויסשרייבן